Opłata pocztowa uiszczona ryczałtem. | פרייז 50 גר.

Nr. 1-2 (2-3.) | וואַרשע, יאַנואַר-פעברואַר 1928. | 2-טער יאַרגאַנג

# לאַנד און לעבן

ארגאן פון דער יידישער געזעלשאפט פאר לאנד-וויסנשאפט.

אינטער דער הויפט-רעדאַקציע פון דר. י. לייפונער.

פאָסט-טשעק-קאָנטאָ אין פ. ק. אָ. 16777 || רעדאַקציע און אַדמיניסטראַציע: וואַרשע, אָגראָדאָווע 8a טעל. 51-01
די רעדאַקציע איז טעטיק זונטיק און מאָנטיק פון 8—10 אָוונט.

רעדאַקציאָנס-קאָלעגיום: דובראָוויטש ג. ל., זיידענגאַרט ה., לייפונער י. דר.

## אינהאַלט:

דאָס יידישע מוזיי-וועזן אין פוילן און זיינע באַדערפעניש. — א. לאָטערמאַן
Auf die Berge will ich steigen... — ש. אַ. ווייספאַטער.
מיין אויספלוג קיין ארץ-ישראל, עגיפטן און איטאַליע. — דר. י. לייפונער.
נאָטיצן. — ה. ז.
שול און לאַנדוויסנשאַפט. — מ. בורשטין.
קבֿרים פון אַרבעטער-טוער אויפן יידישן בית-עולם. — ל. פשיסוסקער.
אַ רייזע איבער פינלאַנד. — ה. מעזיער.
אַן אויספלוג אין שפּיטאָל אויף טשיסטע. — ל. לעמאַנסקי.
לאַנדוויסנשאַפטלעכע כראָניק. — *
* *
ביכער און צייטשריפטן — ז.
כראָניק פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדוויסנשאַפט.
דערפילט אייער חוב! אויפרוף פון דער ייד. פרעסע-סעקציע אויף דער אויסשטעלונג אין קעלן.
2 שטימען פון לעזער.

אַנאָנסן פרייז: אַ זייט 120 ז., אַ האַלבע—70 ז. אַ פערטל—50 ז. אַן אַכטל—15 ז.
אַבאָנאַמענטס-פרייז: אַ פערטל יאָר: אין וואַרשע 1.20 ז., אויף פּראָווינץ 1.40 ז.

# לאַנד און לעבן

2 יאָרגאַנג — וואַרשע, יאַנואַר־פעברואַר 1928. — Nr. 1-2(2-3.)

A. LOTERMAN.

אַ. לאָטערמאַן.

## דאַס יידישע מוזיי־וועזן אין פּוילן און זיינע באַדערפעניש.

## Muzealnictwo żydowskie w Polsce i jego potrzeby.

איינס פון די אַממערסטנס פאַרלאָזטע פאָרשונגס־געביטן ביי אונז איז די מאַטעריעלע קולטור־שאַפונג ביי יידן. אַ גרויס אומוויסנקייט און גלייכגילטיקייט הערשט אין אָט דעם געביט. מיר וויסן באמת נישט, וואָס מיר פאַרמאָגן, וואָס פאַראַ קונסט־אוצרות מיר האָבן געשאַפן, מיר וויסן נישט, צי האָבן מיר אַ יידישן סטיל, אַן אייגענע פאָלקס־אָרנאַמענטיק און אין וואָס פאַראַ פאָרמען דריקט זיך דאָס אויס.

די סיבה דערפון איז דאָס, וואָס מיר האָבן נישט קיין אינסטיטוציע, וועלכע זאָל האָבן ביי זיך פאַרזאַמלט אונזערע קונסט־אוצרות אין אַזאַ מאָס, וועלכע זאָל קענען רעפּרעזענטירן אונזערע מאַטעריעלע קולטור־שאַפונג. מיר האָבן נישט אין פוילן קיין יידישן מוזיי אין פולן זין פון וואָרט.

ס'זענען אמת יאָ פאַראַן זאַמלונגען פון דעם געביט אין איניקע יידישע מוזייען אין וואַרשע, ווילנע און לעמבערג, אָבער זיי שטייען נישט אויף דער געהעריקער הויך פון זייער אויפגאַבע און שפּילן נישט די ראָל, וועלכע זיי דאַרפן שפּילן אין אונזער קולטור־לעבן.

אַ מוזיי טאָר נישט זיין קיין בית־עולם, וווּ מ'לייגט אַוועק זאַכן צו אייביקער רו, אָדער אַ אַ בוידעם ווו ס'ווערן אָנגעזאַמלט ווערטפולע קונסט־אָביעקטן, וועלכע געפינען זיך אין שרעקלעכע באַדינגונגען און וועלכע דאַרפן בייקומען פייכטקייט פון די ווענט, פרעסנדיקער שטויב אָדער בייזווייליקע קעלט...

אָבער נאָך וויכטיקער איז דאָס, וואָס די שוין אָנגעזאַמלטע זאַכן ביי אונז האָבן נישט קיין וויסנשאַפטלעכע השגחה איבער זיך, זענען נישט סעגרעגירט און אַפילו נישט קאַטאַלאָגירט: אויך איז דער צוטריט צו זיי זער באַשווערט סיי פאַרן פאָרשער, וועלכער ווייסט נישט, וואָס ער קען געפינען אין דעם אָדער יענעם מוזיי (נישטאָ קיין קאַטאַלאָג), סיי פאַר דעם פשוטן באַזוכער, וועלכער קען גאָרנישט לערנען פון די זאַמלונגען, וועלכע זענען אויסגעשטעלט אָן אַ סיסטעם.

דאָס קען מען אָבער זאָגן נאָר וועגן די געציילטע יידישע מוזייען אין פוילן.

אַנדערש איז ביי די מערב־אייראָפּעישע יידן: ביי די דייטשע, טשעכישע און עסטרייכישע, וועלכע האָבן געשאַפן מוסטערהאַפטע מוזייען, ווו מ'האָט פאַרזאַמלט אַלץ, וואָס ס'האָט זיך נאָר געלאָזט און וואָס ס'האָט נאָר אַ שייכות צו יידישער מאַטע־ריעלער קולטור־שאַפונג. ווי אַסימילירט זיי זענען נישט, האָבן זיי דאָך אַרויסגעוויזן אַ גרויסע ליבשאַפט צו דער קולטורעלער ירושה פון זייערע אָבות און מיט דער גרעסטער זאָרגפעליקייט האָבן זיי זיך פאַרנומען מיטן אויפזוכן יידישע קונסט־אַלטערטימלעכקייטן און געזאַמלט זיי אין ספּעציעל געשאַפענע ביי זייערע קהלות—מוזייען.

די זאַמלונגען זייערע האָבן זיך אויך דער־וואַרט באַאַרבעט צו ווערן דורך ספּעציאַליסטן אויף דעם געביט, און דעריבער האָבן מיר אַזעל־כע רייכע ביכער און זשורנאַלן איבער יידישע אַלטערטימלעכקייטן און פאָלקס־קונסט אין דער דייטשער שפּראַך.

ווי זעען מיר אויס קעגן זיי? אמת איז, אַז דער עקאָנאָמישער און קולטורעלער מצב פון די מערב־אייראָפּעישע יידן איז געווען אַ סך מצוי אַ גינסטיקער ווי פון די מזרח אייראָפּעישע; איינט אָבער מעגן מיר שוין אויך פון די לעצטע פאַר־

Poland doesn't know about the Soviet Union!

לאַנגען אַ גרעסערע פאַרינטערעסירונג אין דעם געביט, אין וועלכן ס'הערשט אַן אומוויסנקייט און גלייכגילטיקייט.

מיט אַזאַ גלייכגילטיקייט דאַרפן מיר שוין איבעררייסן. מיר לעבן אין צייטן פון גרויסע היסטאָרישע איבעקערענישן, ווען אַלטע פאָרמען טרעטן אָפּ זייער פּלאַץ די ניי־אויפשטייענדע, דאָס אַלטע גייט אונטער אין אונזערע אויגן און וואָס מיר וועלן איצט נישט טון, וועלן מיר שפּעטער עס נישט באַוויזן.

דאָס יידישע מוזיי־וועזן אין פּוילן מוז אָנהייבן אַן אַקציע קעגן דער גלייכגילטיקייט פון דער יידישער געזעלשאַפט צו זיינע קולטור־אוצרות. מ'טאָר נישט פאַרגעסן, אַז אַ מוזיי איז אַ וויסנשאַפטלעכע אינסטיטוציע, אויף וועלכער ס'ליגט אַ חוב צו געבן דעם פאָרשער די מעגלעכקייט צו געניסן פון די זאַמלונגען פאַר זיינע פאָרשונגען און פּאָפּולאַריזירן די וויסנשאַפט אויף אַ צוטריטלעכן אופן.

דאָס יידישע מוזיי־וועזן אין פּוילן איז נאָך באמת אַ יינגער צווייג, וועלכער איז נישט עלטער פון 20 יאָר; אָבער ווען מיר דערמאָנען זיך דאָס יאָר 1910 ווען ס'איז געשאַפן געוואָרן דער בערסאָן־מוזיי אין וואַרשע און דאָס יאָר 1911 ווען מ'האָט געעפנט אין לעמבערג דעם יידישן מוזיי א. נ. פון מ. גאָלדשטיין און מיר פאַרגלייכן דעם צושטאַנד פון די ביידע מוזייען פון דעמאָלט מיטן היינטיקן — מוזן מיר קומען צום אויספיר, אַז אין משך פון קרוב 20 יאָר איז כמעט ווי גאָרנישט געענדערט געוואָרן, אַז די אַרבעט אין געביט פון יידישן מוזיי־וועזן אין פּוילן שטייט אויף איין אָרט.

דאָס מוז געענדערט ווערן! מ'טאָר נישט אויסשטייען די דאָזיקע דערשיינונג מיט דעם, אַז ס'פעלט געלט, ווייל דאָס וואָלט זיך געפונען אַזוי ווי פאַר אַנדערע געזעלשאַפטן — ס'פעלן מענטשן וועלכע זאָלן אַרויסווייזן פאַרינטערעסירונג פאַר דעם אַזוי רייכן וויסנשאַפטס־געביט וועגן יידן

וועלן זיך אַזעלכע מענטשן געפינען, וועט די פראַגע פון יידישן מוזיי־וועזן מוזן רירן פון טויטן אָרט.

די שוין עקזיסטירנדע יידישע מוזייען מוזן אומבאַדינגט קומען אין אַ קעגנזייטיקע פאַרשטענדיקונג, ווי אַזוי געמיינזאַם צו אַרבעטן אויף איין און־דעמזעלבן געביט פון צונויפזאַמלען, קאָנסערווירן און סיסטעמאַטיזירן די יידישע אַלטערטימלעכקייטן און די קונסט־אוצרות פון פאָלק.

אויף דעם געביט ווערט זער אַ סך געטון ביי פרעמדע פעלקער, וועלכע האָבן אַ פּיעטעט פאַר דעם מוזעאַלן וועזן אין דער פאָלקס־קולטור. די מוזעאַלע וויסנשאַפט גייט מיט אַ שנעלן טעמפּאָ פאָרויס, מיר זענען אָבער אין דער הינזיכט שטאַרק הינטערשטעליק געבליבן. מיר קענען זיך אפשר נישט מאַכן קיין פאָרווורפן, נעמענדיק אין אַכט די באַדינגונגען, אין וועלכע ס'קומט אונז אויס צו לעבן. אָבער מיר טאָרן נישט דערלאָזן, אַז די אַרבעט וועלכע פאַלט אונז צו, אַלס אונזער חוב, זאָל געטון ווערן דורך אַנדערע, ווייל סוף־כל־סוף וועלן זיך פרעמדע פאַרנעמען, צו אונזער גרויסער חרפה, מיט אונזערע קולטור־שאַפונגען.

לאָמיר זיך נעמען צו דער וויכטיקער קולטור־אַרבעט; לאָמיר פאַרשפּרייטן ליבשאַפט צו אונזערע אַלטערטימלעכקייטן און פאָלקס־קונסט, פון וועלכע אונזערע קינסטלער דאַרפן שעפּן מאָטיוון צו זייערע שאַפונגען.

דער חוב ליגט אין דער ערשטער ריי אויף אַ מוזעאַלער אינסטיטוציע, דעריבער מוזן מיר זאָגן, אַז אויב דאָס יידישע מוזיי־וועזן אין פּוילן וויל טראָגן דעם בכבודיקן נאָמען פון אַ מוזיי, מוז עס דערפילן זיינע אויפגאַבן, ס'מוז עפּעס טון און נישט שלאָפן, ווי דאָס איז ביז איצט.

דאָס יידישע מוזיי־וועזן אין פּוילן מוז זיך אָרגאַניזירן!

---

Nieznajomość rzeczy i obojętność wobec
wszelkich objawów z dziedziny kultury mater-
jalnej żydowskiej, m. in. wobec muzealnictwa
żydowskiego sprawiają, że dotychczasowe mu=
zea żydowska, jakie istnieją w Polsce a więc
w Warszawie, Lwowie, i Wilnie przed=
stawiają godny pożałowania widok. Jeżeli po=
równamy stan muzealnictwa żydowskiego w
większych osiedlach żydowstwa zach. europej-
skiego ze stanem tegoż w Polsce, przyjść musi=
my do smutnego wniosku, że przez ostatnie 20
lat sprawa muzealnictwa, zdawałoby się tak
żywotna, nie posunęła się ani o krok naprzód.
Z tego letargu bezczynności musimy się obu=
dzić! Należy rozpocząć akcję w kierunku zwal=
czania obojętności i bezczynności jakie panują
na tak ważnej placówce kulturalnej; istniejące
muzea muszą wzajemnie się porozumieć w
sprawie wspólnej pracy gromadzenia, konser-
wowania i systematyzowania zabytków sztuki
i skarbów kulturalnych żydostwa.

Sz. A. Weisfater.
ש. א. ווייספאַטער.

# Auf die Berge will ich steigen...

## (אונזער אויספלוג אין זאַקאָפּאַנע)

Auf die Berge will ich steigen;
Wo die frommen Hütten stehen
Wo die Brust sich frei erschliesset
Und die freien Lüfte wehen...
H. Heine.

אויף דער רויקער, אַריסטאָקראַטיש-אָפּגע-
רוקטער סיענקעוויטש-גאַס אין זאַקאָפּאַנע געפינט
זיך אַ באַשיידן הייזל, וואָס טראָגט דעם צניעות-
דיקן נאָמען „מימאָזע". הייט און ברייט ציט זיך
די סיענקעוויטש-גאַס, שיינע און גבירישע ווילעס
פאַרמאָגט זי אַ סך,—אָבער צו דיין חן, שעכעוו-
דיקע „מימאָזע", קומט קיין איינע נישט פון זיי:
ליב איז מיר דאָך משופּעדיקע בריקל, וואָס וואַ-
רייניקט די גליטשיקע טעטשקע פון דער גאַס
מיט דיין וועראַנדע,—טייער און נאָנט איז מיר
דיין פאַרשוואַרצטער קוימען, וואָס האָט במשך פון
צען טעג דרייכט און שטאָלץ אויסגעאָטעמט זיין
רויך צום סאַמע גיעוואָנט אַרויף, גלייך ער זאָל
וויסן, אַז די הייטערע חברה פון דער יידישער
לאַנדוויסנשאַפט-געזעלשאַפט איז דאָ אַהער צו גאַסט
געקומען.

ער, דער קוימען גיט צו וויסן אויף דרויסן,
אַז אינוועניק רודערט זיך שוין, -- אַז דאָ ביי אונז
ווערט שוין טאָג. ס'איז ערשט האַלב זיבן אינדער-
פרי, דרויסן קנאַקט אַ פראָסט,—אָבער דאָס מאַכט
נישט אויס. זאָלן די, וואָס האָבן אַנומלט ביי
טשאַסקאַן טויט-מאַט-בלעק-באַטאָמעוועט, שלאָפן
און פאַרשלאָפן דעם אומפאַרגלייכלעכן, מחיה
נפשותדיקן זאַקאָפּאַנע-ווינטער-פרימאָרגן מיט זיין
ריח, מיט זיין גאָט'ס ברכה-טעם, וואָס צערשפּאַרט
די ברוסט, פוילט די לונגען און דעם מח און
דערוועקט אונערוואַרטעט אין אונזערע טיפענישן אַ
געפיל פון... דאַנקבאַרקייט פאַר דער גאָלער שיינקייט
און פרישקייט, וואָס רינגלט אונז אַרום. — „אַ
יישר-כח דיר רבונו-של-עולם", שעפּטשען אינוועניק
אַ הלל די האַרץ-לעפּצן...

דערנאָך, אַ דריי שעה שפּעטער, ווען יענע
די פּעפּערס, שטייען אויף און לאָזן זיך אַרויס אין
גאַס,—ווערט שוין אַביסל מיאוסער: דאַדורך, אַז
איר וועט זיין אין זאַקאָפּאַנע,—פאָלגט מיך: שטייט
אויף פרי...

* *
*

„מאָרסקיע אָקאָ."

דאָס דאָזיקע כשוף-וואָרט רייסט אונז היינט
אַראָפּ פון געלעגער... אויף דער גאַס וואַרטן שוי
אויף אונז די שליטנס, פערד הירזען פרייליך
גלעקלאַך קלינגען, לאָקן און רופן אונז אַרויס
אַרויס... חברה מאַכט זיך בהפזון אויסצוגס-פאַרטיק

Dr: I. Lejpuner.
ד"ר. י. לייפּונער.

# מיין אויספלוג קיין ארץ-ישראל, עגיפּטן און איטאַליע.

## Moja wycieczka do Palestyny, Egiptu i Italji.

(פאָרטזעצונג)

די פּאַס און געלט-רעוויזיע אויף דער פּוי-
לישער גרעניץ האָט געדויערט אַ פּאָר שעה און
מיר זענען אין רומעניע! שוין די רומענישע גרע-
ניץ-סטאַציע (איך געדענק נישט ווי זי הייסט) האָט
געקאָנט געבן אַ באַגריף פון רומענישער קולטור:
שמוציק, חושך, און די מינדעסטע באַקוועמלעכקייטן.
די נישט-איבעריק העפלעכע רומענישע גרעניץ-
באַאַמטע האָבן אונז, פון די ערשטע שריט אַריינ
געפירט אין אַ לאַנד פון קלאַסישן אַנטיסעמיטיזם.
איך קען נישט פאַרגעסן דאָס בילד ביי דער רו-
מענישער געלט-קאָנטראָלע: עס האָט זיך אַרויסגע-
וויזן, אַז יעדער פּאַסאַזשיר מוז דעקלאַרירן און
פאַרשרייבן אויף זיין פּאַס וויפל געלט ער פירט,
ווייל אַרויספאָרנדיק פון רומעניע, איז דערלויבט
מיטצונעמען מיט זיך נאָר הונדערט דאָלאַר. דרויסן
האָט גערעגנט. מ'האָט אונז אויסגעשטעלט אין אַ
שורה ביים איינגאַנג פון עפּעס אַ הילצערנער גע-
ביידע. ביי דער טיר איז געשטאַנען אַ רומענישער
סאָלדאַט, וועלכער האָט אַריינגעלאָזט אין אַ קליין
שטיבל. ביים טיש איז געזעסן עפּעס אַ באַאַמטער
וועלכער האָט דאָס געדאַרפט ציילן דאָס געלט.
נאַטירלעך האָט מען עס געמאַכט גאַנץ שנעל,
מחמת מען האָט דעם באַאַמטן אַריינגערוקט אַ
פּאָר לעי אין יד אַריין און ער האָט נעשריבן
אויפן פּאַס די סומע, וואָס מען האָט אים געזאָגט.
גאַנץ פּשוט. איין פאַקט קאָן איך אָבער נישט פאַר-
געסן: עס איז צום טייל צוגעגאַנגען אַן עלטערע

ס'לאַזט זיך היינט מערקן אַ באַזונדערער חשק: „מאָרסקיע־אָקאָ“.

און זט רירן מיר פון אָרט; צו פיר, צו פינף פערזאָן אין אַ שליטן פאָרן מיר אויסגעצויגן אין אַ לאַנגער ריי; די גלעקלאַך וועקן, מאַכן פריילאַך די גאַס; די גוראַלעס יאָגן די פערדלאַך, טענהען זיך אויס מיט זיי, נעמען איין מיט גוטע רייד: „אַ משוגעת, זאָנסטו, זיך צו לאָזן אין וועג אריין אין אַזאַ ברענענדיקע פראָסט!.. ביסט אפשר איך נישט אומגערעכט, קובאַ,— אָבער אַזאַ פאַנטאַזיע, זעסטו, האָבן, זיי די מענטשן פון די שטעט, און פאַר אונז ביידע, דאַרפסטו וויסן, איז עס דוקא נישט לרעה: פון וואַנען-זשע, נאַרעלע, מיינסטו, וואָלט איך נעהאַט דיר האָבער אַנצושיטן און פאַר זיך אויף אַ כוסה און די פייקע אָנצופילן, און אויך דער אַלטער דאָס מויל צו פאַרשטעקן און... הייטאַ!“ מוז ער פלוצים איבעררייסן דעם וכוח.

מיר פאָרן לענגאויס דער כאַלוּבינסקי-גאַס, פאַרביי סאַבאַלאַס דענקמאָל. סאַבאַלאַ — דאָס איז דער האָמער פון די גוראַלעס: אַליין דיכטער, אַליין זאַמלער און אויספירער (שפילער און זינגער) פון אַ ים גוראַלישע פאָלקסלידער, העלדנלידער, וואָס באַזונגען די גרויסע געשעענישן פון אַמאָליקע יאָרן, די העלדנטאַטן פון יאַנאָסיק, וואָס זיין זכר לעבט און ווערט פאַרערט ביי דעם בערג־פאָלק. ווענמס טרייער זון ער איז געווען ביז זיין לעצטער מינוט... מיר ווילן פון גוראַל — ער זאָל אונז דערציילן פון יאַנאָסיקן: ער לאָזט אַרויס די לייטשן פון דער האַנט, לאָזט די פערדלאַך גיין טריט-ביי-טריט, אַליין פאַרוואַרפט ער זיין בליק צו די בערג אַריבער און... עס הויבט זיך אָן צו וועבן אַ מעשה פון אַמאָל, פון אַ נאָבעלן גזלן, אַ „זבוּיניק“, וואָס האָט גערויבט ביי רייכע און געגעבן אָרימע, וואָס איז געווען אַ שרעק פאַר די אונגאַרן פון יענע בערג, וואָס די קייזערלעכע זשאַנדאַרמען האָבן אים בשום-אופן נישט געקאָנט כאַפּן און בינדן, וואָס קיין קויל און קיין שווערד האָט אים נישט גענומען, ביז... ביז זיין געליבטע זיין „פרייערקע“, ווי דאָס הייסט אויף זייער לשון, האָט אים פאַראַטן און איבערגעגעבן צו די זשאַנדאַרמען, נאָכדעם ווי זי האָט אים זיינע גאָלדענע לאָקן אָפּגעשניטן... העט, דאָרט, אויף דער אונגאַרישער זייט, — ווייזט ער אונז מיט דער האַנט — האָט מען אים באַגראָבן... „און היינט“, — כאַפּט זיך דער גוראַל אויף פון זיין פאַרטרוימונג — איז שוין קיין „זבוּיניקעס“ נישטאָ, און מיר מעגן רויק פאָרן; די וועלדער אַרום זענען ליידיק און די בערג שטייען שטיל און איינזאַם“..

* *
*

אונזער קאַראַוואַנע שלענגלט זיך באַרג־אַרויף. פון רעכטס—אַ באַרג, פאַרוואַקסן מיט סמרעקעס. אַ מעכטיקער נאַדל־וואַלד, וואָס הילט איין דעם באַרג אין אַ שלייער פון סודות, — פון לינקס, לאָזט זיך דער באַרג אַראָפּ, און הינטן, ביי זיינע ייד, האָט אַרויסגענומען זיינע פופציק דאָלאַר, וואָס ער האָט געהאַט און האָט געבעטן דעם באַאַמטן, ער זאָל די דאָזיקע סומע אויפשרייבן אויפן פּאַס. דער באַאַמטער האָט עס געמאַכט, האָט אָבער דעם פּאַס גלייך נישט אָפּגעגעבן דעם ייד און האָט אים געפרעגט אויף יידיש (בשעת מען דאַרף לערנט מען זיך אויס!) „נו? און ווו איז פאַר מיר?“ דאָס יידל פאַרשטייט נישט וואָס ער מיינט. אַ שכן גיט אים אַ שטופּ און רוימט אים אַריין אין אויער: „גיט אים אַ פּאָר לעי וועט איר פטור ווערן!“ דאָס יידל ווייסט אָבער קיין קונצן נישט. גיט אים נישט אַ גראָשן, רייסט אַרויס זיין פּאַס, גייט אַוועק און מיר אַלע שמייכלען.

מיינע שלאָף־פלעצער זענען געווען נאָר ביז רומעניע. דעריבער האָב איך געמוזט איינשטייגן אין אַ רומענישן וואַגאָן. אַפילו אין דער ערשטער קלאַס איז געווען שמוציק; עס איז נישט געווען קיין ביסל וואַסער אין רעזערוואַר זיך אַרומצוּוואַשן. אין דער הינזיכט שטייט די פוילישע באַנווירטשאַפט פיל, פיל העכער, ווי די רומענישע.

דרויסן רעגנט כסדר. מיר ווילן טרינקען אַ גלעזל וואַרעמס, נאָר די רומענישע סטאַציעס זענען אַזוינע נישט קיין נאַסטפריינדלעכע, אַזוינע אָפּגעלאָזענע, אַז אַפילו קיין גלעזל טיי קאָן מען אין ערגעץ נישט באַקומען.

דעריבער האָבן מיר זיך זער דערפרייט, ווען מיר האָבן זיך נאָך אַ קאַלטער נאַכט, צומאָרגנס אנגעשטעלט אויף דער קניפּעל־סטאַציע בוזעאָ, פון וואַנען עס איז געווען נישט מער, ווי 4 שעה צו פאָרן קיין קאָנסטאַנצאַ. קיין טיי נישט, אָבער אַ פּיטשינקן טעפּעלע „קאַפּע טורטשעשט“ אָדער טערקישע קאַווע האָבן מיר שוין יאָ געקאָנט באַקומען.

צו אונזער גרויסער איבעראַשונג און אויפ-

פיס ציט זיך הכנעהדיק אַ שמאָלער וואַסער - פאַס,
אַ טייכל, דאַכט זיך „ביאַלאַ וואָדאַ.״ אויף דער
אַנדערער זייט טייכל איז שוין די מלוכה טשעכיען.
— און אָט פאַרן מיר טאַקי פאַרביי די גרענעצ-
וואַך: דא איין מלוכה, דאָרט אַן׳אַנדערע: מענטשן
ווילן צעטיילן צווישן זיך די בערג, אָבער זיי
לאָזן זיך נישט צעטיילן: זיי זענען איין משפחה,
איין קייט, ווינקען אריבער איינער צום אַנדערן
און האַלטן זיך עקשנותדיק ביים סטאַטוס־קוואָ
פון ימי־בראשית..

*

* *

דאָס קלינגען פון די גלעקלאַך און דאָס
סאָפען און הירזשען פון די פערד מישט זיך
צונויף אין איין אומאויפהערלעכן גערויש... מיר
וואַרפן אַ בליק הינטער אונז — פאַר אונז — וואָס
איז דאָס געשען?... דער גאַנצער וועג ווימלט מיט
שליטנס, א שלל שליטנס: צען, פופצן,—עט, אַסך
מער ווי צוואַנציק .. האָבן מיר צו זיי אָדער זיי
צו אונז זיך צוגעטשעפעט? — מען וואַרפט זיך
איבער מיט בליקן, וויצן... ס׳איז גוט! — ביי יע-
נעם זעט מען ארויס נאָר א פאָר אויגן: אַזוי
איינגעוויקלט און פאַרטוליעט איז יעדער אין זיי-
נע שאַלן, טיכער און. . נאָזטיכלאַך. די פראָסט
פייפט און ציט אין דער נאָז, אין די שפיצ-
פינגער פון די הענט און פיס אָבער... דער הימל
איז כשר־בלוי, די זון שפריצט מיט מיליאָנען
קילאָוואַטן און די בערג.. אוי, די בערג — זיי
לויכטן, און שמייכלען. און רייצן, און ציען צו זיך
און קוקן אַזוי רויק אין מעכטיק...

קליין און שוואַך זענען מיר נעבן אייך בערגן..
איך דערמאן מיך אן די, וואָס האָבן אייך באַזונ-
גען: טעטמאיער, אָרקאן, קאַרלאָוויטש און דעם
וואָס האָט צו אייך און דורך אייך תפלה־געטון
קאַספּראָוויטש... און אין דער רגע פיל איך באַ-
שיינפערלעך ווי אין מיין טאָג—טעגלעכער, אָרעם
וואָכעדיקער נשמה וואַקסט און רייסט זיך אַ שטראָם
פון דערהויבונג, פון רוח־הקדש, פון מוזיק, און
עס ווילט זיך אַרויס פון זיך אַהין אויף יענע
שפיצן, אַרומנעמען דעם באַרג, צודריקן אים צו
זיך און נעמען אויף די כני, אָדער גאָר אויסמי-
שן זיך מיט זיי. פאַרברודערן, אַוועקשטעלן אין
זייער מחנה און... אויך ווערן א באַרג!

(ענדע קומט)

רעגונג האָבן מיר זיך אויף דער סטאַציע בוזעאָ
דערוואַרט, אַז דער אַנשלוס־צוג, וואָס האָט אונז
געדאַרפט לויט דעם רייזע־פּלאַן, פון דאַנען מיטנע-
מען קיין קאָנסטאַנצא, האָט זיך אויף אונז ניט
געקאָנט דערוואַרטן און איז אָבגעפאָרן — אַ פאַקט
וואָס אין קיין קולטורעלן לאַנד קאָן עס ניט פאָר-
קומען!

מיר זענען געלאָפן אַהער און אַהין, פון
איין „שעפול״ צום צווייטן, איך מיט מיין רומע-
נישער שפּראַך. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן:
מיר האָבן געמוזט וואַרטן ביזן אָוונט! מיר האָבן
אפילו געוואָלט באַצאָלן פאַר אַן׳עקסטרא צוג און
עס איז אויך געווען זער שווער אויסצופירן, אַזאַ
מין אָרדנונג הערשט אין רומעניע.

אַ טייל פון אונזער קאָמפּאַניע האָט באַ-
שלאָסן צו פאָרן קיין בוקאַרעשט אויף אַ פאָר שעה
און פון דאָרטן דירעקט קיין קאָנסטאַנצא. דער
צווייטער טייל, צו וועלכן איך האָב געהערט, איז
געבליבן אין בוזעאָ אין דער האָפנונג, אַז מיר
וועלן דאָך ענדלעך באַקומען אַ צוג צו פאָרן
ווייטער.

אונזערע טענות, מיין רומעניש געבראָכענע
שפּראַך האָבן אָבער גאָרנישט געהאָלפן. מיר האָבן
געמוזט וואַרטן אויף דעם אָוונט־צוג און זענען
פאַרבליבן אויף דער סטאַציע בוזעאָ.

פון באַגינען האַט געגאָסן אַ שטאַרקער רעגן
די סטאַציע בוזעאָ גופא האָט אויך געמאַכט נישט
קיין אנגענעמען איינדרוק מיט איר רומענישער
אָרדנונג. מיר האָבן באַשלאָסן צו פאָרן אין שטאָט
אַריינעסן א כשרן מיטאָג.

(המשך קומט.)

1) Na dworcu warszawskim. 2) Owacje na dworcach w Lublinie, Lwowie i t. d. 3. Granica polsko - rumuńska. 4.) Urządzenia rumuńskie· 5.) Na stacji Bnzeo

# נאָטיצן.
# NOTATKI.

פרץ הירשביין — דער גרויסער דיכטער, גלענצנדער רעדנער, וועלט־וואַנדערער, האָט ווײַלנדיק אין וואַרשע, געהאַלטן 2 פאָרלעזונגען. דער ערשטער פאָרטראַג וועגן ווייטן מזרח האָט געטראָגן מער אַ באַשרײַבונגס־כאַראַקטער. דאַקעגן דער צווייטער, אינהאַלטסרײַך און שפּאַנענד פאָרגעליינט, איז געווען אַ מין „אַני־מאמין" פון אַ מענטש, וועלכער אַרומרײַזנדיק און ארומוואַנדערנדיק, האָט זיך אַ פאַרטראַכט געטון איבער דער קולטור פון מערב־אייראָפּע און אַמעריקע איבער איר „זײַן און ווערדן".

דער פרעלעגענט איז דער מיינונג, אַז די מערב־אייראָפּע־לענדער געפינען זיך אין אַ אונטערגאַנגס־תקופה, אין אַ בין־השמשות־פעריאָד, אין אַזאַ זעלבער עפּאָכע, אין וועלכער ס'האַבן זיך געפינען אַנדערע פעלקער, בשעת זייער ציוויליזאַציע איז דערגאַנגען צו דער העכסטער מדרגה. די ווידערגעבורט, דאָס רעגענערירן קען נאָר פאָרקומען דאַן, ווען אַ נײַע אידעע ווערט רייף, ווען אַ גרויסע פערזענלעכקייט באַווײַזט זיך אויפן וועלט־האָריזאָנט, אָדער דורך אַ צונויפמישונג פון פעלקער.

אַלס בײַשפּיל קאָן דינען צפון־אַמעריקע. די אַנגלאָ־זאַקסישע ראַסע, ווען זי האָט זיך אין צפון־אַמעריקע באַזעצט, האָט זיך אין געהאַט אַזויפיל ווידערשטאַנדס־קראַפט, אַז זי האָט זיך נישט אַסימילירט (להיפוך צו דער לאַטײַנישער ראַסע, וועלכע האָט זיך פאָלקאָם צונויפגעשמאָלצן מיט די אַנדערע ראַסן) נאָר האָט אײַנוואָרצלנדיק אין זיך די נײַע ערד — פאַרשפרייט אירע ממשלה איבער 10 מיליאָן שוואַרצע מענטשן. דאַן באַווײַזן זיך בולטע מאָמענטן פון דער ציוויליזאַציע־עפּאָכע מיט איר פאָרם־ און מאַטעריע־פאַרגליווערונג אַנטי־ראָמאַנטישקייט, מיט אירע ריזן־שטעט, אין וועלכע דער מענטש פאַרלירט זײַן פּרצוף. שטעט, צו וועלכע מ'לויפט פון דערפער און שטעטלאַך און אין וועלכע פאַרשידענע נאַציאָנען און ראַסן גיסן זיך צונויף ווי אין אַ שמאַלץ־טאָפּ. די ריזן־שטעט ווערן דאָך אָבער אויך צו קליין פאַרן מענטש, — נישט נאָר די שטעט, — די גאַנצע וועלט איז שוין צו שמאָל, אַ דאַנק די נײַע ערפינדונגען אין דער טעכניק. דאַן ווענדעט זיך דער בליק אויפן ווייטן ראָמאַנטישן מזרח, אויפן לאַנד פון דער אויפגײ־ענדער זון, דאָס צוזאַמענגיסן זיך פון מערב און מזרח איז אַ נויטיקייט אַ דאַנק וועלכער מ'קען באַשיצן דעם פאַרגליווערטן מערב פון אונטערגאַנג.

*  *
*

באַשיצונג פון דער נאַטור. — צו קלינגט דאָס נישט אויסטערליש אין לעכעלעך פאַר אַ שטאָט־מענטש, וועלכער אָפּגעריסן פון דער נאַטור, פאַרלירט דעם סענטימענט און פיעטעט פאַר איר? מען מוז קאָנסטאַטירן, אַז אין פוילן זענען די אידעען פון באַשיצונג פון דער נאַטור. ווײניג פאָפּולער, כמעט פרעמד, בעת אין אויסלאַנד איז אין דער הינזיכט אַ סך אויפגעטון געוואָרן. דערפאַר ברויך יעדע דערשײַנונג, וועלכע פירט צו פאָפּולאַריזירונג פון די אַ יבנדערמאָנטע אידעען, באַגריסט ווערן מיט פרייד און אַנערקענונג, בפרט נאָך ווען די איניציאַטיוו גייט אַרויס פון אַזאַ ערנסטע אינסטיטוציע, ווי דער ראַט פון באַשיצונג פון דער נאַטור, וועלכע אָרדנט אײַן פאָפּולערע פאָרלעזונגען דורכן ראַדיאָ.

דער פרעלעגענט פון דער לעצטער פאָרלעזונג, פראָפ. הריניעוויעצקי, גייט אַרויס פון דעם שטאַנדפונקט, אַז די געזעלשאַפט ברויך מיטצוהעלפן צו באַשיצן די נאַטור צוליב פאָלגנדע טעמים: 1) היסטאָריש־פּאַטריאָטישער; 2) עסטעטישער [דאָס שיינקייט און רייך פון דער נאַטור — אַלס אַ שאַפונגס־קוואַל פון נײַע פאָעטישע ווערק, ווי צ. ב.: „סקאַלנע פּאָדהאַלע", „פּושטשאַ יאָדלאָוואַ", קאַרלאָוויטשס סימפאָניעס א. א. וו.) און 3) אַ ריין וויסנשאַפטלעכער (אַ גרויסער מאַטעריאַל צו פאָרשן די אור־נאַטור).

דער פרעלעגענט שטעלט זיך אָפּ אויף די אויפטועכצן אויף דעם געביט אין די פאַרייניקטע שטאַטן, ווו ס'ווערן אײַנגעאָרדנט ספּעציעלע נאַטור־פאַרקן, ווו יעדעס בלימל, וואָס קען נאָר וועקן אַ געוויסן אינטערעס ווערט מיט דער גרעסטער פיעטעט באַשיצט—און קומט צום אויספיר, אַז אייראָפּע בכלל (אַן אויסנאַם שווייצאַריע) און פוילן בפרט איז אין דער הינזיכט זער פאַרנאַכלעסיקט. באַשיצונג פון דער נאַטור — דאָס מוזן ווערן אונזער פליכט, אַ נויטיקייט, אַ אינערלעכער פאַרלאַנג.

כדאי צוצוגעבן, אַז אין איינעם פון די

ערשטע פונקטן פון סטאַטוט פון דער יידישער גפז. פאַר לאַנד־וויסנשאַפט ווערט געזאָגט וועגן „מיטווירקונג אין באַשיצונג פון דער נאַטור און לאַנד־פייזאַזשן” (סט. פאַר. II 4b]; ס׳וואָלט אָבער געווען געווונטשן, אַז דער פונקט זאָל אָננעמען רעאַלע פאָרמען.

* * *

## די פראַגע: ווען און פון וואַנען זענען יידן געקומען קיין פוילן — אַיז

ניעט קיין נייע: מיט איר האָבן זיך פאַרנומען און פאַרנעמען זיך עד־היום די פראָמיגענטסטע היסטאָריקער און געלערנטע, וועלכע מ׳קען אין דעם פרט צעטיילן אין 2 לאַגערן: איינער האַלט, אז די יידן זענען געקומען קיין פוילן פון מערב־אייראָפּע אין 11 - 12 יאָרהונדערט ווען בשעת די ערשטע קרייץ־צוגען האָבן די יידן, געיאָגט דורך די באַקעמפער פון אונג־ויביקע, געמוזט נעמען דעם וואַנדער־שטעקן אין הַנד; און דער צווייטער לאַגער האַלט, אַז די יידן זענען שוין געקומען קיין פוילן אין 9־10 יאָרהונדערט פון מזרח נאָכן אונטערגאַנג פון דער כוזרישער מלוכה.

דער שעפער פון דער לעצטער טעאָריע ד״ר שיפּער שטיצט זיך נישט נאָר אויף היסטאָרישע דאָקומענטן, נאָר אויך אויף געוויסע לעגענדעס, ארויסגייענדיק, פון דעם שטאַנדפּונקט אז דאָס פאָלק, דער היטער פון לעגענדעס, איז נישט קיין ערגערער געשיכטע־שרייבער, ווי טויטע דאָקומענטן און מאַטעריאַלן: די לעגענדעס וועגן אברהם פּראַכאָווניק און וועגן די רויטע יידעלאך פון יענעם זייט סמבטיון זענען אין דער זעלבער מאָס עדות, אַז די יידן האָבן שוין פון לאַנג באַוווינט פוילן, ווי פאַרשידענע אויסגראָבונגען (מטבעות מיט גריכישע, העברעאישע און אַראַבישע אויפשריפטן געפונען אין פּוזנער געגנט) ווי נעמען פון פאַרשידענע דערפער און פעסטונגען (כוזרי, קאַוויאַרי, האַליטש) ווי אויך באַריכטן פון יידישע און אַראַבישע רייזנדע פון 8־10 יאָרהונדערט.

ביז 1241 האָט דעם יידישן עלעמענט אין פוילן געליפערט דער מזרח; נאָך דעם יאָר, נאָכן טאַטע־רישן אָנפאַל, ווען אַלץ איז פאַרניכטעט, רואינירט געוואָרן, און די יידן זענען פאַרטריבן געוואָרן, (דורך עקאָנאָמישע באַדינגונגען). נאָך דעם יאָר האָט זיך אָנגעהויבן א צופלוס פון יידן קיין פוילן פון מערב־אייראָפּע: דאַביי איז דער נייער עלעמענט שוין געוואָרן א געמישטער: פון כזריערדיקע יידן און פון מערב־אייראָפּעאישע יידן, וועלכע האָבן יעצע איינגעוואַנדערט קיין פוילן אלס אין א לאַנד, וועלכעס האָט זיך געפונען אין אַן אָרימען עקאָנאָמ׳שן מצב. די מערב־אייראָפּעאישע יידן האָבן זיך צוזאַמענגעמישט מיט די כוזרישע יידן און מיט די „יידישע” יידן.

גאַנץ מעגלעך, אַז דער בלאַנדער „א.יִשער” טיפּ, וועלכן מיר טרעפן צווישן יידן האָט פאַר זיין פּראָטאָפּלאַסט דעם כוזרישן ייד, וועלכער, ווי באַוווּסט, האָט געהערט צו א בלאָנדע ראַסע, נאָר האָט אָנגענומען די יידישע רעליגיע.

* * *

## די פאָטאָגראַפישע פירמע שאַלאַי

איז נעפאַלן אויף אַ משונהדיקע המצאה: וועלנדיק פּראָפּאַגירן אירע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען און אילוסטראַציעס, האָט זי איינגעאָרדנט אַ פאָרלעזונג מיט אילוסטראַציעס, נאָר אָן... אַ פּרעלעגענט. זענען צוהערער געווען אין זאַל (ווי מ׳האָט גע־וויזן אויפנאַמען פון עגיפּטן) נאָר אַנשטאָט צו זען דעם פרעלעגענט, האָט מען נאָר געהערט אַ מעכטיקע שטים, וועלכע האָט אונז איבערגעגעבן קאַלטע ווערטער וועגן הייסן עגיפּטן.

דער איינפאַל, איינצואָרדנען אַ פאָרלעזונג מיט אילוסטראַציעס, נאָר דער פרעלעגענט זאָל זיך געפונען ערגיץ ווו און סטראַשען אָרנטלעכע בירגער איז נישט קיין געלינגענער: ראשית, אויב מ׳האָט שוין איינגעלאַדנט צוהערער, האָט מען געקאָנט אויך איינלאַדן דעם פרעלעגענט; והשנית אויב מ׳האָט שוין יאָ געוויזן פאָטאָגרפישע אויפנאַמען (נ. ב. פיין אויסגעפירטע און זער אינטערעסאַנטע): צו וואָס האָט מען באַדאַרפט דעם פרעלעגענט, געווענלעכע אויפשריפטן וואָלטן אים געקאָנט פאַרטרעטן.

ה. ז.

1. Perec Hirszbein o swojej podróży dookoła świata. 2. O ochronie przyrody słów kilka. 3. Kiedy i skad Żydzi przybyli do Polski. 4. Niefortunny. pomysł

די עטנאָגראַפישע סעקציע אָרדנט איין פורים אין

לאָקאַל פון דער געזעלשאַפט אָגראָדאָווע 8אַ

אַ נ׳אַ י נ ט י מ ע ז

# פורים - אַוונט

L. Lemański ל. לעמאנסקי.

# Wycieczka do Szpitala na Czystem.

## אנ׳אויספלוג אין שפיטאל אויף טשיסטע.

Śród licznych wycieczek, organizowanych przez Z. T. K. najbardziej utkwiła mi w pamięci wycieczka do szpitala żydowskiego na Czystem.

Wielkość przestrzeni, długie podwórze i ożywione przejście do poczekalni, sama budowa gmachów oddziałowych, niezmącona niczem cisza na salach, widok cierpiących oraz śnieżna biel fartuchów mijających się sanitarjuszy — wywierają na widzach niezatarte wrażenie, które z każdą chwilą dalszego oglądania potęguje.

Szpital ten przedstawia ze sobą coś gigantycznego. Ostatnio rozrósł się dzięki niezwykłej pracy naczelnego lekarza dr. Szwajcera.

W szpitalu przebywa przeszło 1000 chorych, a wielkość jego można sobie wyobrazić, jeśli zważymy, że sam budżet przewyższa np. budżet Gminy Żydowskiej w Warszawie, gdyż suma obrotu dochodzi aż do 3.000.000 zł. rocznie.

Ten największy szpital w Polsce zatrudnia do 250 lekarzy i 1000 osób personelu pomocniczego. Posiada nadzwyczajne urządzenia, niezliczone precyzyjne aparaty, jak np. do djatermy, darsonwalizacji, do momentalnego zamrażania drobnoustrojów itd.; prócz tego kompletne laboratorja, specjalne sale operacyjne ze świeżo sprowadzonymi udoskonalonymi reflektorami, sale mechanoterapiczne z sanderowskimi ćwiczebnymi przyrządami, łaźnie długotrwałe (Dauerbäder), najnowsze dezynfektory, a nawet parowe kuchnie itd. itd., i to wszystko urządzone według ostatnich i celowych wymagań medycyny i hygieny.

Mówiąc o szpitalu należy też wspomnieć o Szkole Pielęgniarek, znajdującej się w dwupiętrowej nadbudówce, która swym wyglądem, schludnemi urządzeniami, estetyką, wzorowym porządkiem pod każdym względem może służyć za wzór wielu, jeśli nie wszystkim szkołom tego rodzaju; pod względem zaś organizacyjnym daleko prześcigającej nawet zagraniczne szkoły z „Schwesterschule" na czele.

---

דער ייִדישער שפיטאָל אויף טשיסטע מאַכט אַנ׳אימפּאָזאַנטן איינדרוק סיי דורך זיין אויסערלעכן, עסטעטישן אויסזען, סיי דורך זיינע אינערלעכע איינריכטונגען און נייעסטע מכשירים. זאָלן וועגן דער גרויס פון שפיטאָל רעדן ציפערן: איבער 1000 קראַנקע, 250 דאָקטוירים, אַ טעכנישער פּערסאָנאַל פון 1000 מאַן; דער יערלעכער בודזשעט באַטרעפט 3 מיליאָן זלאָטעס. ספּעציעל דאַרף אונטערגעשטראָכן ווערן די — לויטן לעצטן וואָרט פון טעכניק — איינגעאָרדנטע „שוועסטערשולע", וועלכע קען דינען אַלס מוסטער פאַר ענלעכע אינסטיטוציעס.

---

**Zakładajcie na prowincji**

**oddziały**

# Żydowskiego Towarzystwa Krajoznawczego!

kraj posiada kulturę stosunkowo starą i wielką, nie ma jednak dużo pomników historycznych ani budynków starożytnych; miasta i zamki z drzewa wybudowane zostały z biegiem stuleci przez pożar pochłonięte. Jedynie niektóre twierdze i kościoły średniowieczne, jakoteż nieliczne domy dochowały się do dnia dzisiejszego. Wielkie miasta, nadewszystko Helsingfors, ciekawie się przedstawiają z punktu widzenia architektury i nowoczesnej sztuki finlandskiej.

Okolica filandska ma pewien szczególny rys, który ją odróżnia od okolic innych krajów europejskich, pewien wdzięk, polegający na tem, że tu natura występuje w całej swej pierwotnej, dziewiczej okazałości. Między miastami, bardzo od siebie oddalonemi, między wioskami i osadami tu i tam rozsianemi, istnieją jeszcze ogromne przestrzenie, których kultura nie tknęła. Dziesiątki tysięcy jezior, ze wszech stron obsianych wyspami, a złączonych ze sobą potokami i cieśninami, odbijają podczas białych nocy letnich, te same pagórki o ponurych jodłach lub radosnych brzozach, co ongiś, setki lat temu. Potoki i wodospady szumią i płyną swobodnie; wyjątkowo jedynie są one ujarzmione przez rękę ludzką. Archipelag najbogatszy w świecie ciągnie się wzdłuż brzegu kraju; bliżej zaś kontynentu — ogromne wyspy udrzewione i żyzne. To wszystko przedstawia sobą latem obraz nieskończonej ilości zatok spokojnych i jasnych; zimą zaś obraz posępnego chaosu skał i przepaści, w które burze uderzają.

Chcąc zwiedzić Finlandję, najodpowiedniej jest rozpocząć od stolicy, Helsingforsu. Wycieczka zależy, oczywiście, od czasu, jakim rozporządza turysta. Conajmniej 2 dni należy poświęcić stolicy. Będzie się tam podziwiało Muzeum Narodowe i jego bogate zbiory etnograficzne; Ateneum, które zawiera kolekcję sztuk plastycznych Finlandji dawnej i nowszej; Muzeum Seurasaari. Ze stolicy, w zachodnim kierunku udajemy się do starożytnego miasta Vyborg, do wirów Imatra i do systemu wodnego Saima.

(Następuje opis wycieczki sześciogodzinnej łódką po najpotężniejszym wodospadzie w Europie, Imatra, wycieczki, obfitującej w przedziwne emocje i wzruszenia.)

* * *

Na pociągach i parowcach komfort i wygoda; utrzymanie w wagonach restauracyjnych nie pozostawia nic do życzenia. Jedyna rzecz, z której turysta w Finlandji musi zrezygnować — to wino: w Finlandji już od kilku lat zaprowadzona jest prohibicja napojów alkoholowych. Z powodu niskiej waluty kraju, pobyt i podróżowanie w Finlandji są stosunkowo tanie, w każdym razie wydatki są o wiele mniejsze, niż w innych krajach.

(przekład *H. S.*)

---

פון די 3 נאָרד · לענדער ווערט פינלאַנד
לעצטנס שטאַרק באַזוכט פון טוריסטן, וועלכע ווילן
באַווונדערן די ווילדע אור־נאַטור אין איר גאַנצער
רייץ און שיינקייט. די פינלענדישע נאַטור טראָגט
אַ ספּעציפישן כאַראַקטער צוליב דעם, וואָס נישט
אַכטנדיק אויף דעם, וואָס די פינלענדישע קולטור
איז פאַרהעלניסמעסיק אַ גאַנץ אַלטע און רייכע,
דאָך האָט די קולטור מיט אַלע אירע טעכנישע
דערפינדונגען די נאַטור ווייניק באַאיינפלוסט. בעת
מ'באַזוכט פינלאַנד מיט איר הויפּטשטאָט העלסינג־
פאָרס, וועלכע פאַרמאָגט אַ רייכן נאַציאָנאַלן-מוזיי
מיט עטנאָגראַפישע זאַמלונגען, דאַרף מען מאַכן
אַנ׳אויספלוג איבער אימאַטראַ, איבער דעם מעכ־
טיקסטן וואַסער-פאַל אין אייראָפּע: אַזאַ מין אויס־
פלוג איז פול מיט אַיינדריקן און איבערלעבנישן.
ווען מען גיט צו, אַז אויף די באַנען און שיפן
הערשן מוסטערהאַפטע איינאָרדנונגען, אַז דאָס
אויפהאַלטן זיך און רייזע אין פינלאַנד איז צוליב
דער נידריקער וואַלוטע צוגענגלעך — קען מען
אַזאַ מין רייזע איבער פינלאַנד רעקאָמענדירן.

**Bronisław Grosser** (zm. 1912, grób familijny, ul. 7, kw. 33, rz. 4), jeden z głównych teoretyków Bundu. Pomnik w formie granitowej skały.

**Wincenty Raabe** (zm. 1927, ul. 7, kw. 32, rz. 20), członek dawniejszej S. D. K. P. i L. późniejszy komunista, — bez nagrobka;

Pozatem spoczywają na cmentarzu i inni działacze, jak: **Zeliger** członek byłej S. D. K. P. i L., późniejszy komunista i wielu innych.

SPROSTOWANIE.

1. W numerze I opuszczony został przez pomyłkę grób „matki sceny żydowskiej":
   Ester Rachel Kamińska (zm. 1926, gł. aleja przy ul. 8). Pomnik granitowy z marmurową tablicą, na której w formie płaskorzeźby lwia głowa ma wyobrazić podobiznę Kamińskiej; proj. Rubenlichta.
2. Prostujemy również błąd; mianowicie pomnik Gustawowstwa Berson nie jest projektu Ostrzegi, lecz sprowadzony z Włoch.

*L. P.*

---

דער מחבר גיט דאָ אַן׳איבערבליק איבער די מער אינטערעסאַנטע קברים פון אַרבעטער-טוער אויפן יידישן בית-עולם אין וואַרשע. די מצבות ווייזן אַרויס אַ געוויסע איינהייטלעכקייט בנוגע דער אָרנאַמענטיק, ס׳ווערן אויסגערעכנט די קברים פון: סט. מענדלסאָן, מ. לובעלסקי, י. יאַנקעלעוויטש, ב. שולמאַן, ק. רובינשטיין, גראָסער און ראַאַבע.

---

**H. de Maizieres.**

ה. דע מעזיער

# Podróż po Finlandji.

# א ר י י ז ע  א י ב ע ר  פ י נ ל א נ ד.

W numerze styczniowym czasopisma „Le Journal des Voyages" ukazał się artykuł p. H. de Maizières p. t. „Le tourisme en Finlande". Z powodu przypadającego dziesięciolecia niepodległości Finlandji, pozwalamy sobie artykuł ten z pewnymi skrótami podać naszym czytelnikom.

*Red.*

Rok rocznie kraje północne przyciągają coraz to większą ilość turystów z południa. Od dawna już Szwecja i Norwegja stały się krajami, cieszącymi się niezwykłem powodzeniem wśród turystów całego świata; co się tyczy kraju trzeciego, Finlandji, do niedawna mało znanego, wydaje się on być odkrytym przez turystów, żądnych ujrzenia czegoś nowego.

Finlandja nie jest, jak powszechnie mniemają krajem, do którego z trudnością można się dostać. Parowce zbytkowne, zaopatrzone we wszelkie nowoczesne urządzenia, zapewniają komunikację nieuciążliwą, wygodną.

Rozumie się, że ludzie, szukający rozrywki w zabawach doczesnych, szalonego ruchu w hotelach luksusowych lub w arystokratycznych stacjach kąpielowych, albo zgiełkliwego życia wielkomiejskiego, nie myślą o przedsiębraniu wycieczek do Finlandji. Ci natomiast, którzy życzą sobie wytchnienia w środowisku przyrody, przedziwnie pięknej, zdala od otoczenia powszedniego, znajdą bezwątpienia w Finlandji swe marzenie, swój ideał.

Za okres najbardziej pomyślny dla podróży po Finlandji uważany jest czasookres od połowy czerwca do końca sierpnia.

Główną atrakcją w Finlandji jest przedewszystkiem sama natura. Aczkolwiek

Ostatnio podnoszą się głosy przeciwko takiemu traktowaniu nauki szkolnej, są nawet czynione pewne wysiłki, zmierzające do naprawy rzeczy: wycieczki szkolne krajoznawcze, są obecnie częstem zjawiskiem.

Nie wszystkie są planowo i metodycznie prowadzone, jednak stanowią one krok naprzód w dążeniu do oparcia kształcenia estetycznego i nauki geografji na krajoznawstwie.

---

פון די אַלגעמיינע פעדאַגאָגישע פּראָבלעמען, וועלכע געפינען זיך עד־היום אין אַן עקספּערימענט־סטאַדיום, באַטראַכט דער מחבר איין מאָמענט, דהיינו: די פּעדאַגאָגישע באַדייטונג פון לאַנדוויסנשאַפט בכלל און פון שול־אויספלוגן בפרט. ביז איצט באַקאָנט מען די קינדער מיט דער נאַטור דורך אַ. ג. ווערבאַל־מיטלען: דורך נאַטור־באַשרייבונגען, דערציילונגען וועגן נאַטור־דערשיינונגען, א. א. וו. פאַרשטייט זיך, אַז אויף דעם וועג קען די נאַטור נישט ווירקן אין אַזאַ מאָס, קען נישט וועקן די געפילן, ווי בעת אַן אומדירעקטן קאָנטאַקט מיט איר. אַלס ביישפּיל ווייזט דער מחבר די לערע פון געאָגראַפיע, וועלכע ווערט געלערנט אין אַזאַ פאָרם, אַז זי וועקט נישט קיין שום פאַרינטערעסירונג פאַר לאַנדוויסנשאַפט. צום גליק לאָזט זיך לעצטנס באַמערקן אַ פאַרבעסערונג אין דעם פּרט: שול־אויספלוגן ווערן אַ גאַנץ אָפטע דערשיינונג.

# Groby działaczy robotniczych na cm. żydowskim

## קברים פון ארבעטער טוער אויפן יידישן בית־עולם.

Pisząc poprzedni artykuł o cmentarzu żydowskim, świadomie opuściłem groby działaczy robotniczych. Wychodziłem bowiem z tego założenia, że zasługują one na wyodrębnienie, jako nader charakterystyczne. Groby te wyróżniają się przedewszystkiem tem, że spoczywają w nich wielcy idealiści, którzy się idei poświęcili całkowicie, przekreślając swoje „ja" dla dobra uciemiężonych. Następnie przeważna część tych grobów jest w stanie nader zaniedbanym, często zupełnie bez jakiegokolwiek bądź nagrobka, jakgdyby społeczeństwo zaczynało zapominać o ich istnieniu; tam zaś gdzie nagrobki są — wykazują one pewną jednolitość w symbolice idei, dla której zmarli całe życie walczyli.

Z ważniejszych grobów wymienimy następujące:

**St. Mendelson** (gł. aleja, za „Ohelem)," wydawca pierwszej gazety żydowskiej w języku polskim — „Przeglądu Codziennego",— bez nagrobka;

**Mates Lubelski** (zm. 1926 r., ul. 13, kw. 65, rz. 6), członek P. P. S., prezes zw. tragarzy. Pomnik z piaskowca, naśladownictwo pomnika Jankielewicza;

**Józef Jankielewicz** (zm. 1920, gł. aleja, kw. 44, rz. 1), pseudonim „Janek", członek Bundu. Pomnik z czerwonego piaskowca, wyobrażający płomień, oraz symboliczną rzeźbę, przedstawiającą rękę z młotem;

**Boruch Szulman** (zm. 1906, kw. 51, rz. 28), członek organizacji bojowej P. P. S zabity został 14. V. 1906, po wykonaniu zamachu bombowego na podkomisarza policji rosyjskiej. Dużych rozmiarów pomnik z piaskowca w stanie niewykończonym wobec zakazu władz rosyjskich. Tablica z odpowiednim napisem umieszczona została w r. 1927.

Obok, pod tym samym pomnikiem, spoczywa tow. Szulmana Apt;

**K. Rubinsztajn** (zm. 1927, ul. 9, kw. 51, rz. 31), znany pod pseudonimem „kałmen kamaszenmacher", członek Bundu, — bez nagrobka;

M. Bursztyn. מ. בורשטין.

# Szkoła a Krajoznawstwo

# שול און לאנדוויסנשאפט.

Pierwsze ćwierćwiecze bieżącego stulecia znajduje się pod znakiem reformy wychowania fizycznego i moralnego. Liczne próby stosowania metod wychowawczych, różne typy szkół, powstających ostatnio zwłaszcza w Ameryce, wszelakie korporacje i związki młodzieży, oto wyraz tych zmagań, jakie przeżywa społeczeństwo w dążeniu do stworzenia lepszego jutra.

W okresie stawania się, wszelkie poczynania i próby zmierzające do urzeczywistnienia ideałów, są nacechowane chwiejnością i mglistością. To też trudno niekiedy oddzielić od plewy całe i zdrowe ziarno.

Z całokształtu zagadnień pedagogicznych, które stanowią jeszcze pewien zbiór eksperymentów, bardziej lub mniej udanych, wyodrębnię tu jedno. Pragnę na tem miejscu wskazać mianowicie na brak zrozumienia dla pedagogicznego znaczenia krajoznawstwa.

Dotychczas budzi się zamiłowanie dla piękna przyrody środkami jedynie t. zw. werbalnemi.

W tym celu posługują się powszechnie zaczerpniętemi opisami z podręczników szkolnych, wierszykami i obrazami; czyta się dzieciom o drzewach, o lasach, o łanach zboża, o wsi i jej mieszkańcach, nie wprowadzając ich zgoła lub conajmniej bardzo rzadko w to otoczenie. Dzieci słyszą o miastach, rzekach, górach, mając przed sobą odrapane mury wielkomiejskie, koszarowe domy, podwórza bez śladu zieleni i piękna!

Pozbawione bezpośredniego kontaktu z krajobrazem, ze zjawiskami przyrody, dzieci odbierają z różnych czytanek i pomocy szkolnych tylko mgliste i nietrwałe wrażenia, które nie mogą w nich budzić jakiegokolwiek żywszego uczucia i zainteresowania.

W rezultacie obserwujemy u dzieci wielkomiejskich szczególny brak pietyzmu i wrażliwości na piękno natury, co nieraz graniczy niemal z tępotą, a nawet zanikiem wszelkich uczuć estetycznych.

Chcemy bez rzeczywistych obrazów, bez obcowania na łonie natury — budzić w dziecku podziw dla jej piękna; uczymy o ziemi, o formacjach geologicznych, o zjawiskach przyrody, o miastach i ludziach, o zabytkach historycznych i artystycznych bez bliższej znajomości danych terenów i objektów, bez krajoznawstwa.

Wynika to oczywiście z przyjętych metod i szablonowego programu szkolnego, który szufladkuje wiedzę, wciskając w ramy 45-cio minutowe różne przedmioty.

Czy nie byłoby z większą korzyścią dla dzieci zwiedzanie pod kierunkiem nauczycieli różnych terenów i objektów, aniżeli ślęczenie nad podręcznikami i mapami?

Uczenie się lekcji geografji, jak ono obecnie się odbywa, nie przygotawia dzieci do samodzielnej w tym kierunku pracy, nie wzbudza w nich zainteresowania dla krajoznawstwa i dla poznawania wogóle. A geografja wszak jest syntezą nauk, wyrazem wszelkich zdobyczy wiedzy i twórczości ludzkiej!

Nauka najbardziej zbliżona do życia zostaje u podstaw spaczona.

# לאַנדוויסנשאַפטלעכע כראָניק. Kronika Krajoznawcza.

(פּ) **די טוריסטישע באַוועגונג.** דעם 25 נאָוועמבער 1927 איז פאָרגעקומען אין וואַרשע א קאָנפערענץ, צונויפגערופן דורך דער אַמעריקאַניש-פּוילישער האַנדלס-קאַמער, כדי אַרומצורעדן דאָס אַנטוויקלען זיך פון אַמעריקאַנישער טוריסטיק אין פּוילן. אין דער קאָנפערענץ האָבן זיך באַטייליקט פאַרשטייערס פון אַ ריי אָרגאַניזאַציעס. אַלס הויפּט-טעמע פון די פאַרהאַנדלונגען איז געווען דער מאַטעריאַל פון דער ניו-יאָרקישער קאַמער, אין וועלכן ס'איז געזאָגט, אַז דאָס פאַרבעסערן זיך פון פּוילישן צאָל-בילאַנס איז אָפּהענגיק פון דער אַמעריקאַנישער טוריסטישער באַוועגונג, וועלכע האָט אַריינגעבראַכט איראָפּע אין יאָר 1925—660 מיליאָן דאָלאַר. פראַנקרייך, צום ביישפּיל, האָט געהאַט א הכנסה 115 מיליאָן דאָלאַר אין נאָרוועגן האָבן די טוריסטן איבערגעלאָזט 15 מיליאָן דאָלאַר מער, וויפל די נאָרוועגער האָבן אויסגעגעבן אין אויסלאַנד; דאָס אַלץ א דאַנק די פאַרבעסערטע אינסטיטוציעס, וועלכע באַדינען די טוריסטן ווי אויך א דאַנק דעם פּראָפּאַגאַנדע-אַפּאַראַט.

אין דער דיסקוסיע, וועלכע האָט זיך דאַן אַנטוויקלט, האָט מען באַרירט די פראַגע פון פאַרבעסערונג ווי אויך פון שטעלן אויף א העכערע מדרגה דאָס פּוילישע האָטעל-וועזן, פאַרקלענערן די פּרייזן פון טוריסטישע וויזעס קיין פּוילן, באַאַרבעטן גוטע און אילוסטרירטע פירער דורך פּוילן. און, אַז די טוריסטישע פּראָפּאַגאַנדע און די טוריסטיק גופא דאַרף ווערן קאָנסעקווענט און מיט א פּלאַן אַדורכגעפירט.

(ז) **וויסנשאַפטלעכער טוריסטישער אינסטיטוט.** די בערלינער אויבער-האַנדלס-שול איז צוגעטרעטן צו אָרגאַניזירן א טוריסמישן אינסטיטוט, וועלכער וועט פאָרשן: 1) געזעלשאַפטלעכע-ווירטשאַפטלעכע טוריסטישע פּראָבלעמען, 2) פּאָליטיק און סטאַטיסטיק פון טוריסטיק, 3) טוריסטישע האַנדלס-אונטערנעמונגען, 4) טוריסטיק און האָטעלוועזן, 5) יורידישע פּראָבלעמען פון טוריסטיק, 6) טעכניק פון וועלט-טוריסטיק און טוריסטישע געאָגראַפיע. אויסער דעם וועלן אַנטשטיין 3 נייע געוויינלעכע קאַטעדרעס פון עקאָנאָמיק, טעאָריע פון פאַרקערס-פּראָבלעמען און פון פּראַקטישע טוריסטיק. דאָס קומט פאָר אין בערלין, וווּ טוריסטיק געפינט זיך אויף א הויכער שטופע; וואָס טוט מען אין דעם פּרט ביי אונז?

(ז) **ענגלאַנד ציט צו אויסלענדישע טוריסטן** די באַוועגונג, וועלכע איז יעצט ענטשטאַנען אין ענגלאַנד, כדי וואָס מער אויסלענדישע טוריסטן אַראָפּצוציען, האָט געגעבן קאָלאָסאַלע רעזולטאַטן: אין פאַרלויף פון 3 חדשים זענען קיין ענגלאַנד צוגערייזט 113 טויזנט אויסלענדער. צווישן וועלכע: 53 טויז. אַמעריקאַנער, 22 טויז. פראַנצויזן און 18 טויז. דייטשן.

(א) **אַ יידישער וועג-ווייזער איבער די בערג** דער באַוואוסטער יידישער טאַטערניק ב. אייזיראַוויטש גרייט צו א בוך „דער וועגווייזער איבער זאַקאָפּאַנע און די טאַטרן" א חוץ דעם אַלגעמיינעם געאָגראַפישן און עטנאָגראַפישן טייל און אָנווייזונגען וועגן טוריסטיק, וועט זיין א גענוי באַשרייבונג פון פאַרשידענע וועגן אין די בערג, וועלכע זאָלן זיין צוגעפּאַסטע פאַר דעם דורכשניטלעכן יידישן טוריסט. דער „וועגווייזער" איז באַאַרבעט אַזוי, אַז יעדער איינער זאָל קענען מאַכן אויספלוגן אין בערג אָן א פירער. ס'וועלן אויך זיין צוגעגעבן פאַרשידענע פּראָגראַמען פון אויספלוגן פון איין טאָג ביז 2 וואָכן. דער „וועגווייזער" נעמט אַרום סיי די פּוילישע, סיי די טשעכישע טאַטרן.

דער „וועגווייזער" וועט האַלטן איבער 20 דרוק-בויגן, ער וועט ערשיינען אין אָנהייב פון יאָר 1928.

צום „וועגווייזער" וועלן צוגעגעבן ווערן א פּאָר ליטעראַרישע קאַפּיטלעך, צווישן זיי: פּרץ און שלום אש וועגן זאַקאָפּאַנע.

פאַר דעם יידישן טוריסט וועט דער „וועגווייזער" זיין א נייעס. אין דער יידישער שפּראַך האָבן מיר ביז איצט ניט געהאַט קיין איין בוך וועגן טוריסטיק בכלל און אַלפּיניזם בפרט.

(ז) **פאַריין פון פּוילישע טוריסטישע געזעלשאַפטן.** דער צוזאַמענפאָר פון די דעלעגאַטן פון אַלע פּוילישע טוריסטישע און לאַנד-וויסנשאַפטלעכע געזעלשאַפטן, וועלכער איז פאָרגעקומען אין אַפּריל פ. י., האָט באַשלאָסן צו גרינדן א פאַריין פון די דאָזיקע געזעלשאַפטן און ס'איז אויסגעוויילט געוואָרן א צייטווייליקע פאַרוואַלטונג מיט די הה. אָרלאָוויטש, יאַנאָווסקי, אָרלאָוויטש. געהעריקע מיטגלידער ציילט יעצט דער פאַריין 11 געזעלשאַפטן, וועלכע האָבן אַגאַלגעמיין א צאָל 21.000 מיטגלידער. צווישן זיי האָט די פּוילישע טאַטרא-געזעלשאַפט 10 טויזנט מ. די פּוילישע געזעלשאַפט פאַר לאַנד-וויסנשאַפט 5 ט. מ. די פּוילישע נאָרט-געזעלשאַפט 2. ט. מ. דער פּוילישער אויטאָמאָביל-קלוב 2 ט. מ. א. א. וו.

די ערשטע אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג פונם פאַריין איז פאָרגעקומען זונטיק, דעם 5 פעברואַר.

(פּ) **אַ פּוילישער אַרכעאָלאָגישער מוזיי.** אין בנין פון די „יאַדוואַנסקיקע" אין לאַזיענקעס ווערט געבילדעט א פּוילישער אַרכעאָלאָגישער מוזיי. די צאָל פון עקספּאָנאַטן באַטרעפט שוין איבער 50.000 עקזעמפּלאַרן, מייסטנס אויסגראָבונגען, וועלכע זענען די לעצטע 8 יאָר געמאַכט געוואָרן דורך די קאָנסערוואַטאָרן פון אור-היסטאָרישע אַלטערטימלעכקייטן. דער מוזיי האָט אויך באַקומען אין דעפּאָזיט די אור-היסטאָרישע זאַמלונגען פון מוזיי פאַר אינדוסטריע און לאַנד-ווירטשאַפט.

(ז) **די ראַפּערסווילע זאַמלונג,** וועלכע געפינען זיך איצט אויף אַלט-שטאָט אין באַריטשקא-הויז, פאַרמאָגט א רייכע קאָלעקציע פון ביכער, מאַנוסקריפּטן, נאָטן, פאָטאָגראַפיעס און צייכנונגען (30 טויזנט), קונסט-ווערק און מוזעאַלע אָביעקטן (12 טויזנט). דער ראַפּערסווילער מוזיי איז ווי באַוואוסט, פונדירט געוואָרן דורך הר. וול. פּלאַטער, וועלכער האָט אים פאַרשריבן אַלס אייגנטום פון פּוילישן פאָלק

(פּ) **דאָס רעגולירונג פון שלאָס-פּלאַץ.** דער מאַגיסטראַט וועט אין קורצן צוטרעטן צו באַאַרבעטן א רעגולאַציאָנס-פּלאַן פון שלאָס-פּלאַץ אין צוזאַמענהאַנג מיט דער ענדערונג וואָס דאַרף פאָרקומען ביי דער זיגמונט-זייל. די ענדערונג וועט באַשטיין אין דעם, אַז מ'וועט אַראָפּנעמען די 4 טריטאָנס און די זייל וועט באַקומען די פאָרם, וועלכע זי האָט געהאַט פאַר דער רוסישער אָקופּאַציע.

(ז) **דער קהלה־ראַט** אין קראקע איז צוגעזירעט צו קאָנסערווירן ידישע אַלטערטימלעכקייטן ווי אויך צו אָרגאַניזירן אַ מוזיי.

---

(פּ) **אויספלוג־אויטאָבוסן.** כדי צו פאַרלייכטערן דאָס באַזוכן פון וואַרשע, האָט די וואַרשעווער ט־אָמוני־דירעק ציע באַשלאָסן איינצופירן 2 גרויסע אָפענע אויספלוג־ אויטאָבוסן פאַר 24 פערזאָן יעדער. מיט די אויטאָבוסן וועט מען קענען מאַכן רינג־אויספלוגן איבער וואַרשע.

(ז) **דער אַקאַדעמישער קרייז פון לאַנד־קענטשאַפט־ליבהאָבער,** האָט איינגעאָרדנט ד. 5 פעב ואר די אַלגעמיינע פאַרזאַמלונג. פונם באַריכט האָבן מיר זיך דערוווסט אַז אויסער דער טוריסטישער סעקציע, וועלכע האָט אָרגאַניזירט במשך פון 11 מאָנאַטן 14 אויספלוגן, איז נאָך טעטיק געווען די עטנאָגראַפישע סעקציע, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן אַן אַלבום מיט פאָטאָגראַפיעס פון בערסאָן־מוזיי. אין נאָמען פון דער ידישער געז. פאַר לאַנד־וויסנשאַפט האָט באַגריסט די פּפרזאַמלונג ח׳ בורשטין.

1 Ruch turystyczny. 2. Naukowy instytut turystyczny 3. Anglja a turystyka. 4. Żydowski przewodnik po górach. 5. Związek polskich towarzystw turystycznych. 6. Polskie muzeum archeologiczne. 7. Zbiory rapperswilskie. 8. Regulacja pl. Zamkowego. 9. Organizowanie muzeum żyd. w Krakowie. 10. Autobusy wycieczkowe. 11. Walne Zebranie A. K. M. K.

## אנגעקומענע ביכער און צייטשריפטן.

3 יאָרג. **Przegląd Turystyczny Nr. 5-6**

אַ ריי אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, וועלכע טראָגן אַ מער אינפאָרמאַטיוון כאַראַקטער. צווישן זיי אַן־אויפרוף פון פּוילישע און טשעכישע געלערנטע וועגן אַ נאַציאָנאַלן טאַטער־פּאַרק און אַן־אויספירלעכער באַריכט וועגן דער גרינדונגס־פאַרזאַמלונג פונם פאַרבאַנד פון פּוילישע טוריסטישע געזעלשאַפטן. ספּעציעלע רובריקן זענען געווידמעט פאָלגענדע פראַגן: "באַשיצונג פון דער נאַטור, אַלפּיניזם, טאַטערן־מוזיי"; אויסער דעם אַ רייכע טוריסטישע כראָניק.

1 יאָרגאַנג. **Turysta Nr. 6-7**

נעבן אַן־אינטערעסאַנטער באַשרייבונג פון אַ באַזוך אין מיעטשקאָווסקי־מוזיי אין פאַמערן — אַ נאַאיווע נאָטיץ וועגן דעם איינפלוס פון טוריסטיק אויפן מענטשלעכן קערפּער; נעבן אימפּרעסיעס און רייזע־איינדריקן — פּראַקטישע אָנווייזונגען, ווי אַזוי צו באַקומען פּאַספּאָרט־וויזעס און וואָס צו באַזוכן אין וואַרשע. אַ צייטשריפט אָן אַ בולטען פּרצוף.

**Julian Krzyżanowski,** Pieśniarz Krainy Kęp i wiecznej nędzy.

דער באַנד איז געווידמעט דעם רעגיאָנאַליסטישן פּוילישן דיכטער, וולאַד. אָרקאַן, צו זיין 30 יעריקער פּאָעטישער אַרבעט.

**„Anthropos"** Internationale Zeitschrift für Völker und Sprachenkunde. Wien 22 בּאַנד.

די צייטשריפט „אַנטראָפּאָס", וועלכע דערשיינט אין ווין פון 1901 יאָר (אין דריי שפּראַכן: ענגליש, פראַנצויזיש און דייטש) איז געווידמעט ספּעציעל פילאָלאָגיע, פאָלקלאָר און עטנאָגראַפיע פון אַלע פעלקער פון דער גאַנצער וועלט: אין לעצטן באַנד געפינען מיר אַ ריי אינטערעסאַנטע אַרטיקלען, פון וועלכע מיר רעכנען אויס צ. א.: דאָס רעכט פון פאָלאַרפעלקער, די אידעע פון גאָט אין אַלטע רעליגיעס, וועלט־אַנשויונג און שאַמאַניזם ביי די בוריאַטן א. א. וו. אין די אַפריקע בעגדער געפינען מיר אָפּהאַנדלונגען ערנסטע מאָנאָגראַפיעס וועגן פעלקער פון אַרבע פנות העולם, וועגן זייער אָרט לעבן, מנהגים, זיטן און אַ. וו. עס וואַרפט זיך אין די אויגן אַ קליינע, כמעט נישטיקע, צאָל אַרטיקלען וועגן יידן. זענען באמת די יידישע שבטים, וועלכע זענען צעשפּרייט אין צעזייט איבער דער גאַנצער וועלט אַזוי גרינדלעך אויסגעפאָרשט? אָדער שטעלן די יידן מיט זיך פאָר אַ ווינציק אינטערעסאַנטער אָביעקט, הן פון אַנטראָפּאָלאָגישן, הן פון עטנאָגראַפישן שטאַנדפּונקט? יז)

---

# כ ר א נ י ק

## פון וואַרשעווער אָפּטיילונג פון דער יידישער געזעלשאַפט פאַר לאַנדוויסנשאַפט

### די אלג. פאַרזאַמלונג פון דער וואַרשעווער אָפּטיילונג

ביי דער אָנוועזנהייט פון קרוב 150 פערזאָן עפנט די פאַרזאַמלונג פרעזעס דובראָוויטש, באַגריסנדיק די געסט, וועלכע האָבן באַוויליקט צו קומען. אלס פאָרזיצנדער איז איינשטימיק געוויילט געוואָרן ד"ר לייפונער, אַלס אַסעסאָרן האָט מען פאַרבעטן ח"ח אינזש קיילין, אַדעלבערג, ניימאַן, ראָזענבלום און פרל. זאַקס, אַלס סעקרעטאַרן ח"ח בראַון און בראַנדשטעטער. באַגריסונגס-רעדעס האָבן געהאַלטן ה' זיירעוועבער אין נאָמען פון דער פאַרוואַלטונג פון אַקאַדעמישן קרייז (א. ק. מ. ק.) און ה' בראַונערמאַן אין נאָמען פון דער עקזעקוטיוו פונם פאַריין פון אַלע אַקאַדעמישע לאַנד־קענטשאַפטס-קרייזן אין פוילן.

נאָכן איבערלייענען דעם פראָטאָקאָל פון דער לעצטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג, גיט ח' דובראָוויטש אָפּ אַ באַריכט פון דער יעריקער טעטיקייט פון דער פאַרוואַלטונג. אין יעצטיקן מאָמענט (19 נאָוועמבער 1927) ציילט די געזעלשאַפט 420 מיט., בשעת ביי דער ערשטער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג איז געווען נאָר 105 מיטג. די אַרבעט איז געווען קאָנצענטרירט אין פאָלגנדע סעקציעס: טוריסטישע, פעדאַגאָגישע, אַרטיסטישע, אינדוסטריע־טעכנישע, מעדיצינישע, פאָטאָגראַפישע, עטנאָגראַפישע, ביבליאָטעק א. א. וו. די באַזונדערע סעקציעס האָבן אָרגאַניזירט אויספלוגן און פאָרלעזונגען, דהיינו: טוריסטישע—18 אויספלוגן; אַרטיסטישע—11; מעדיצינישע—7; סעקציע פאַר ווייטשטחדיקע אויספלוגן—5 (פלאָצק, קראָקע, זאַקאָפּאַנע לעמבערג, ביאַלאָוועזש.) די פאָטאָגראַפישע סעקציע האָט אויף 40 אויספלוגן געמאַכט 71 אַינטערעסאַנטע פאָטאָגראַפישע אויפנאַמען. ס'איז אויך אָרגאַניזירט געוואָרן אַן אינסטרוקטאָרן־קורס (איינצלהייטן וועגן דעם קורס, ווי אויך וועגן דער פעדאַגאָגישער סעקציע — אין ערשטן נומער).

אין ווייטערדיקן טייל פון זיין רעפעראַט האָט ח' דובראָוויטש פאָרגעשטעלט דעם אַלגעמיינעם און מאַטעריעלן מצב פון דער געזעלשאַפט, פון וועלכן מ'האָט זיך געקאָנט איבערצייגן וועגן קאָלאָסאַלן וווקס פון דער געזעלשאַפט.

נאָכן איבערלייענען דעם באַריכט פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, האָט זיך אַנטוויקלט אַ דיסקוסיע, אין וועלכער ס'האָבן אָנטייל גענומען ח"ח רובינשטיין, לעווינזאָן, טשלענאָוו, זיידעל. נאָך דער רעפליק פון ח' דובראָוויטש האָט מען, לויטן פאָרשלאָג פון דער רעוויזיאָנס-קאָמיסיע, איינשטימיק ערטיילט אַבסאָלוטאָריום דער אָפּטרעטנדער פאַרוו. דאַן איז מען צוגעטרעטן צו די וואַלן פון אַ נייער פאַרוו. ס'זענען אַריינגעטראָגן געוואָרן 2 ליסטעס: איינע פון דער פאַרוואַלטונג, די אַנדערע פון אַ גרופּע מיטגלידער. היות די אַנדערע האָט נישט געהאַט די אַנטשפּרעכנדע צאָל אונטערשריפטן, איז זי נישט גענומען געוואָרן אין אַכט. די ערשטע ליסטע איז אָנגענומען געוואָרן אַן בלאָק. די פאַרזאַמלונג איז געשלאָסן געוואָרן 2 ביינאַכט.

אויף דער ערשטער זיצונג האָט זיך די פאַרוואַלטונג קאָנסטיטואירט אויף פאָלגנדן אופן: דובראָוויטש—פרעזעס; אינזש. קיילין, אייסוראָוויטש—וויצע-פרעזעס; טשלענאָוו—קאַסירער; בירשטיין—סעקרעטאַר; קושניר—וויירט פון לאָקאַל; פרל. גאָלדפלאַם, זאַלצמאַן, זיידענגאַרט, אינזש. עדעלמאַן, און פשיסוסקער—מיטגלידער פון דער פאַרוואַלטונג. אַלס פאַרטרעטער: וויינגאַרטן (יאַוואַן), פּאָטאָצקאַ, לעווין, גרינבוים, גיילער.

אויף דער דאָזיקער זיצונג האָט מען באַערט דעם אָנדענק פון פאַרשטאָרבענעם ח. ד. נאָמבערג. מ'האָט באַשלאָסן אַדויסצושיקן אַ קאָנדאָלענץ-דעפּעשע צום פאַריין פון יידישע ליטעראַטן און זשורנאַליסטן מיט דעם אינהאַלט:

„מיטן גאַנצן כלל יידן בויגן מיר דעם קאָפּ פאַרן קבר פון פאַר-שטאָרבענעם נאָמבערג, דעם אייביקן וואַנדערער". - וואַרש. אָפּטיילונג פון דער ייד. געז. פאַר לאַנדוויסנשאַפט.

אויספלוגן זענען במשך פון 2 חדשים (ביז דעם 1 פעברואַר) פאָרגעקומען 15. די פעדאַגאָגישע סעקציע האָט איינגעאָרדנט 2 אויספלוגן אין אינסטיטוט פאַר טויב-שטומע — 49 אָנטיילנעמער. פון און אין יתומים-הויז — 37; אינדוסטריע טעכנישע: 2 אויספלוגן: אין „סטודיאָ-ראַדיאָ"— 37

א.; און אין גאז אנשטאלטן און כעמישע פאַבריק אויף וואָליע — 17 א.; די היגעניש-מעדיצינישע — 5 אויספלוגן: מלוכהשער היגיענע אַנשטאלט — 48 א.; „טאָז" — 6 א.; טשיסטע-שפיטאָל — 45 א.; פראָסעקטאָריום — 30 א. און ספיס אנשטאלטן: 25 א. די ארטיסטישע סעקציע — 5 אויספלוגן, פון וועלכע 3 זענען געווען אויף קונסט-אויסשטעלונגען פון די קינסטלער: באָרנשטיין, בערלעוו, און מינקאָווסקי (10, 33 און 14 א.) 1 אין בערסאן — מוזיי — 8 א. אין באריטשקא-הויז. ווו ס'געפינען זיך די ראפערסווילער זאמלונגען: 31 א.

אויסער דעם איז פאָרגעקומען א 10-טאָגיקער אויספלוג קיין זאקאפאנע. אנטייל גענומען האָבן 22 פערזאן.

פארלעזונגען זענען פאָרגעקומען 4: וועגן געזעלשאפט „טאז", אירע אַלגעמיינע צילן, אויפגאבן און טעטיקייט — ד"ר געלבפיש; גאז-אַנשטאלטן – אינז. קיילין: „דער יידישער וויסנשאפטלעכער אינסטיטוט" — ח' לאטערמאן: „ווארשע פון ארטיסטישן שטאנד-פונקט" — ח' זייטשיק.

די פארלעזונגען זענען פארגעקומען אין אייגענעם לאקאל פון דער געזעלשאפט און האָבן צוגעצויגן א גרויסע צאל צוהערער.

די פאַנט-לאָטעריע, וועלכע איז איינגעאָרדנט געוואָרן דורך דער געז., האָט געגעבן א הכנסה 250 זל. די ציונג איז פאָרגעקומע דעם 22 יאַנואר.

## עניין „לאנד און לעבן" — „פאלקסצייטונג".

אלס ענטפער אויף די נאָטיץ, וואָס האָט זיך באוויזן אין „פאָלקס-צייטונג" פון 12-10 פ. י. האָט די פארוואלטונג פון דער יידישער געז. פאר לאנד-וויסנשאַפט ארייגעשיקט פאָלגענדן בריוו:

חשובער הער רעדאַקטאָר!

מיר האָבן דעם כבוד איין צו בעטן, אָפצוגעבן אָן ארט אין אייער ווערטע צייטונג פאַר די פאָלגנדע דערקלערונג און צוזאמענהאַנג מיטן פעליעטאָן פון ח' פ. שאַץ א. נ. „לאַנדקענטניש אומפאַרטייאישקייט און... פראָלעטאַרישער סטיל", וועלכע האָט זיך באַוויזן אין „פאָלקסצייטונג":

1. די יידישע געזעלשאַפט פאַר לאַנדוויסנשאַפט באַשטייט נישט „פון א ביסל בירגערלעכע אינטעליגענץ" נאָר פון קרוב 500 מיטגליד'ער, פון וועלכע 90 פראַצ. איז די ארבעטנדע אינטעליגענץ (ביוראליסטן, פאָלקסלערער, האַנטווערקער א. ז. וו.) דער נידריקער מיטגלידס אָפצאָל (50 גראָשן מאָנאָטלעך) גיט די מעגלעכקייט די ברייטע פאָלקס-מאַסן געהערן צו אונזערע געזעלשאַפט.

2. אונזער אָרגאַניזאַציע הייסט נישט „לאַנד-קענטניש געזעלשאַפט", נאָר „לאַנד-וויסנשאַפט" געזעלשאַפט. ווייל זי פאַרנעמט זיך נישט אויסשליסלעך מיט איינאָרדנען אויספלוגן, נאָר אויך מיט „צוזאמענקלייבן און באַאַרבעטן דעם וויסנשאַפטלעכן מאַטעריאַל, וועלכער האָט א שייכות מיטן פוילישן לאַנד און מיט די לענדער, וואָס זענען היסטאָריש אָדער געאָגראַפיש מיט פוילן געבונדן, ווי אויך יידישן עטנאָגראַפיש-מאַטעריאַלן" (סטאַטוט פון אונזער געזעלשאַפט § 7 a II)

ווייל אין די ראַמען פון אונזער געזעלשאַפט גייט אריין: מיטווירקונג אין באַשיצונג פון דער נאַטור און לאַנד-פיזיאָגנאָמיע ווי אויך פויליש אַלטערטימלעכקייטן. (סטאַטוט § 7b II) ווייטער: פאָפולאַריזירונג פון לאַנד-וויסנשאַפטלעכע ידיעות. (סטאַטוט § 4c I)

3. אַלס א וויסנשאַפטלעכע אָרגאַניזאַציע האָט אונזער געזעלשאַפט גאָרנישט צו טאָן מיט פאָליטיק, אָדער פאַרטיי, און דאַרום איז זי אומפאַרטייאיש אָדער, בעסער געזאָגט, איבער פאַרטייאיש.

4. כדי אינטערצושרייכן אונזער אָביעקטיוויטעט, קענען מיר צוגעבן, אַז צו אונזער הויפט-ראַט און אונזער פאַרוואַלטונג געהערן באַוווּסטע בונדישע פאַרטיי לייט.

5. אינעם אַרטיקל וועגן יידישן בית-עולם זענען באַוווּסטזיניק אַדורכגעלאָזן געוואָרן די אַלע מצבות פון פראָלעטאַרישע טוערס, ווייל אַלס זער האַראַקטעריסטישע וועט די מצבות בעווידמעט זיין א ספעציעלער אַרטיקל אין דעם נאָענסטן נומער אונזערן.

6. ד"ר י. ליפינער איז געוואָרן באַשטימט אַלס הויפט-רעדאַקטאָר נישט דערפאַר, ווייל ער געהערט צו דער אָדער צו יענער פאַרטיי (די פראַגע גייט אונז נישט אָן) נאָר דערפאַר ווייל ער האָט א סך געזען, און וואָס איז די הויפט-זאַך. ווייל ער, האָט א סך צייט אָפגעגעבן אונזער געזעלשאַפט, כדי צו רעאַליזירן די אויבנדערמאַנטע צילן.

7. אין רעדאַקציאָנס-קאָמיטעט גייען ע ריין נאָך צוויי חברים, וועלכע מ'קען אפילו נישט חושד זיין, אַז זיי געהערן צו אַוועלכע ס'איז פאַרטיי (זע לעצטע זייט „לאַנד און לעבן" אונטען לינקס)

8. צום סוף קענען מיר צוגעבן, אַז דער אַדרעס פון אונזער געזעלשאַפט איז נישט אַגראַדעווע 8, נאָר אַגראַדאָווע

8a. מיר געבן דאָס צו, כדי די לעזער פון „פאָלקס-צייטונג זאָלן זיך, קענען פערזענלעך איבערצייגן אין וואָס פאַרא ריכטונג אונזער אַרבעט ווערט געפירט.

מיט דרך ארץ

**פאר דער פארוואלטונג פון דער יידישער געזעלשאפט פאר לאַנדוויסנשאסט**

**פ-עזעס: א. דובראָוויטש**

**סעקרעטאַר: מ. בורשטין**

דער בריוו איז מיט ענדערונגען אָפגעדרוקט געוואָרן אין נומער „פאַלקס-צייטונג, פון 1 יאנואר 1928 דערביי איז געמאכט געוואָרן א געהעריקע אנמערקונג פון דער רעדאקציע „פאָלקס-צייטונג'.

1st mention of politics

# דערפילט אייער אייגענעם חוב!

אין עטלעכע חדשים אַרום. אין מאַי 1928, עפנט זיך אין דייטשלאַנד, אין קעלן, די אינטערנאַציאָנאַלע אויסשטעלונג פון דער פרעסע, וועלכע וועט דויערן ביז אָקטאָבער. „די זעקסטע וועלט־הערשנדיקע מאַכט”, ווי ס'איז געוווינט צו באַצייכנען די פרעסע, וועט דאָרט פאַנאַנדערוויקלען איר געשיכטע, שילדערן איר קעגנוואַרטיקן צושטאַנד און אירע לעצטע דערגרייכונגען, איר וואַקסדיקע סאָציאַל־פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעך־קולטורעלע ראָלע.

די קולטור־פעלקער פון דער גאַנצער וועלט באַטייליקן זיך אין אָט דער קולטורעל־געזעלשאַפטלעכער מאַניפעסטאַציע פון דער מאָדערנער מענטשהייט. אויך דאָס יידישע פאָלק דאַרף און וועט נישט בילדן קיין אויסנאַם פון דער קולטורעלער פעלקער־משפחה.

צוליב דעם צוועק האָט זיך אין בערלין געבילדעט אַ קאָמיטעט, וווהין ס'גייען אַריין פאָרשטייער פון די יידישע געמיינדעס אין דייטשלאַנד, פון פאַרשידענע אַנדערע געזעלשאַפטלעכע און קולטורעלע אינסטיטוציעס און אויך פון יידישע ליטעראַרישע קרייזן און קולטור־טוער. דער קאָמיטעט אָרגאַניזירט אויף דער אויסשטעלונג אַ יידישן פרעסע־פּאַוויליאָן. דער פּאַוויליאָן פאַראייניקט אין זיך די פאָלגנדע דריי סעקציעס, וואָס זענען גאַנץ אויטאָנאָם אין זייער אינווייניקסטער אַרבעט:

1) די יידישע סעקציע — פאַר פרעסע אין יידיש.

2) די העברעישע סעקציע. — פאַר די פרעסע אין העברעיש און

3) די סעקציע פאַר „יודאַאיקאַ” — פאַר דער יידישער פרעסע אין דער דייטשער, ענגלישער, פראַנצויזישער. רומענישער, פּוילישער און אַנדערע שפּראַכן.

מיר, די סעקציע פאַר דער פרעסע אין יידיש, האָבן דעם פולן באַוווסטזיין וועגן דער שווערער און פאַראַנטוואָרטלעכער אויפגאַבע, וואָס אונז שטייט פאָר אויסצופילן פאַר דער קורצער צייט, וואָס אונז איז איבערגעבליבן — קנאַפע 4 חדשים. מיר זענען צוגעטראָטן צונויפזאַמלען אויב נישט אַלץ, ווייל דאָס וועט אפשר זיין אוממעגלעך, אין כל הפחות אַ באַדייטנדע צאָל עקספּאָנאַטן פון דער יידישער פרעסע אין דער פאַרגאַנגנהייט און אין דער קעגנוואַרט אין פאַרשידענע לענדער, און באַאַרבעטן דעם דאָזיקן אומגעהויערן מאַטעריאַל. צוזאַמענשטעלן די נויטיקע טאַבעלן, דיאַגראַמען וכד.

אויספילן אָט די שווערע אויפגאַבע בשלמות וועלן מיר זיין ביכולת נאָר דאַן, ווען די יידישע פרעסע זעלבסט וועט מיט אונז אַקטיוו מיטאַרבעטן, ווען זי וועט זיך דורכדרינגען מיט דער גרויסער וויכטיקייט פון דער זאַך, אַז אויף דער אויסשטעלונג זאָל זיין ווי געהעריק פאַרטראָטן די יידפרעסע. און וויכטיק איז נישט נאָר אַרויסטרעטן פאַר דער גרויסער אויסערער וועלט, וואָס ווייסט אַזוי ווייניק פון אונזער אינעווייניקסטן לעבן און וואָס איז דערצו געוווינט צו באַציען זיך צו דער יידישער שפּראַך מיט ביטול; פאַר איר וועט די עצם לציאות פון אַ קאָלאָסאַלער און פאַרצווייגטער פרעסע אין יידיש זיין אַ אומדערוואַרטעטע אַנטדעקונג. נישט ווייניקער וויכטיק איז פאַר אונז אָפּגעבן זיך זעלבסט אַ דין־וחשבון וועגן דעם וווקס און דער אַנטוויקלונג פון אונזער פרעסע און, צוזאַמען מיט דעם, זיך זעלבסט אויפקלערן די וועגן און טענדענצן פון אונזער קולטור־געזעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג בכלל. דער סך־הכל וועט זיכער זיין זער אינטערעסאַנט און באַלערנד.

מיר האָפן, אַז די פרעסע, וואָס איז כסדר געוווינט צו מאָנען ביי לייטן און אויפפאָדערן זיי צו דערפילן דעם חוב, וועט דאָסמאָל צו זיך זעלבסט זיין נישט ווייניקער שטרענג און וועט וויסן צו דערפילן דעם חוב, וואָס ליגט אויף איר.

מיר לייגן דאָ צו אַ פראַגע־בויגן און מיר זענען זיכער, אַז עס וועט זיך נישט געפינען קיין איין יידישע פעריאָדישע אויסגאַבע — זאָל עס זיין אַ צייטונג, אַ זשורנאַל, אַ פאַרטייאָרגאַן. אַ פאַך־אָרגאַן, אָדער אַנ'אַנדער מין פעריאָדיש בלאַט אָדער אויסגאַבע — וואָס וועט זיך גלייך נישט אָפּרופן און תיכף ומיד נישט צושיקן אונז אַנ'אויספירלעכן ענטפער אויף די פאָרגעלייגטע פראַגן. גלייכצייטיק דערמיט דאַרף אונז צוגעשיקט ווערן:

1) דער ערשטער אָדער איינער פון די ערשטע נומערן; 2) איינער פון די לעצטע נומערן; 3) יובלנומערן און 4) ספּעציעלע איינצל נומערן.

(דער צווייטער טייל וועט געדרוקט ווערן אין נאָענסטן נומ.)